בס"ד

שבת מברכים אב | ר"ח יום חמישי-שישי | המולד יום חמישי 8:15 | 0 חלק'

שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**ראה**
**כ"ה אב תשפ"ז**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:55 |
| מוצש"ק | 8:09 |
| ר"ת | 8:47 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:31 | סוז"ת א' | 9:55 |
| סוזק"ש ב' | 9:19 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קצ"ט
שנה ד'

## טיב הפרשה

# שְׁמֹר וְשָׁמַעְתָּ

## די חשיבות פון לערנען הלכה

אין די וואכענדיגע סדרה איז משה רבינו ממשיך צו רעדן צו די אידישע קינדער, און ער זאגט צו זיי 'שמור ושמעת את כל הדברים האלה אשר אנכי מצוך למען ייטב לך ולבניך אחריך עד עולם'.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדייק די דאפעלטע לשון פון 'שמור ושמעת', און ער זאגט אז דער שמור גייט אויף משניות, אז דאס דארף מען היטן ביי זיך, ווייל אויב מ'וועט האבן משנה, וועט מען זוכה זיין צו דער 'ושמעת'.

ווען מ'דערגרינטעוועט זיך אין די ווערטער פון רש"י באגעגענט מען זיך מיט די געדאנק וואס רש"י וויל ארויסגעבן דא. אין זיינע ווערטער וויל רש"י באטאנען אז אינדערצייט וואס לימוד התורה איז א מצוה און איז פון די גרעסטע מצוות, איז אבער דא עטליכע סארט דרגות אין לימוד התורה.

ניסט נאר אין דער לימוד איז דא דרגה'ס, נאר אויך אין די חשיבות איז דא דרגה'ס, און דאס איז מרומז דא אין די פסוקים.

עס איז זיכער חשוב צו זיצן און לערנען און זיך מפלפל זיין בתורה, אז עס זאל זיין זה נושא וזה נותן און עס האט א חשיבות אין הימל און ברענגט א שמחה למעלה, אבער די העכסטע דרגה אין די תורה איז 'תלמוד המביא לידי מעשה'.

די תלמוד המביא לידי מעשה איז הלכה, מ'זאל לערנען הלכה, ווייל דורך הלכה קומט מען אן לידי מעשה.

היינטיגע צייטן ווען מיר האבן א שלחן ערוך איז פשוט אז ווען מ'רעדט פון הלכה מיינט מען אז מ'זאל לערנען שלחן ערוך, אבער אין די יארן פאר דער ערשיינונג פון די שלחן ערוך איז די לימוד ההלכה געווען די משנה.

די משנה, קעגן די גמרא, איז הלכות פסוקות, עס שטייט אין איר גלאטע זאכן, אז דער וואס וויל וויסן גלאטע הלכה קען עס האבן פון איר.

די היינטיגע הלכה איז די אמאליגע משנה.

## טיב המערכת

# לֹא תַעֲשׂוּן 'כֵּן'

הגאון רבי זונדל קרויזער זצ"ל האט זיך געפירט כָּל יָמָיו צו דאווענען תפילת שחרית כוותיקין. אויף דער עלטער איז אמאל געשען אז צוליב אן אונס האט זיך אביסל אויפגעהאלטן און ער האט נישט געקענט אנהייבן דאווענען מיטן מנין קבוע וואו ער האט זיך געפירט צו דאווענען טאג-טעגליך. זיין אייניקל וועלכער האט אים באגלייט, וויסנדיג אז דאס איז די ערשטע מאל וואס ער איז אימשטאנד צו פארשפעטיגן תפילה כותיקין, האט גלייך פארשטאנען אז זיין זיידע האט צער דערפון, און דעריבער האט ער געטראכט אז ער וועט צואיילן זיין זיידן, און ער האט אים פארגעשלאגן אז מעגליך אויב ער וועט פארפעלן טיילן פונעם דאווענען וועט ער קענען אניאגן דעם מנין, און נישט דארפן פארפעלן צו דאווענען כְּוָתִיקִין.

אבער רבי זונדל פון זיין זייט, וואס דער דאווענען איז ביי אים נישט געווען עפעס וואס מען זאגט נאר ארויס מיטן מויל, האט זיך נישט געלאזט פון זיינע הרגשים, און ער האט נישט מסכים געווען אזוי צו טון. מיט ישוב הדעת האט ער געגעבן צו פארשטיין פאר זיין אייניקל, אז טראצדעם וואס צו דאווענען מיטן ותיקין איז זייער א חשוב'ע זאך, אבער צו דאווענען מיט 'דילוגים' איז א 'בדיעבד' זאך, און עס איז נישט פאסיג צו טון אן ענין פון 'בדיעבד' כדי צו זוכה זיין דורכדעם צו דאווענען כוותיקין. נאר ענדערש זאל מען דאווענען געדולדיג אן קיין דילוגים, נאר ווארט ביי ווארט, אפילו אויב צוליב דעם וועט מען פארלירן די מעלה פון ותיקין. און ווירקליך אין יענעם טאג האט רבי זונדל געדאווונט אין אן אנדערן מנין, וויבאלד ער האט נישט אנגעיאגט צו דאווענען כוותיקין.

פון אט די מעשה לערנען מיר ארויס, אז ווען א מענטש פירט זיך שטענדיג מיט עפעס א גוטע הנהגה, זאל ער נישט זאגן אז וויבאלד די הנהגה איז שוין געווארן שטייגערליך ביי אים, דעריבער איז עס באליבט ביי אים און ער וועט אויף קיין פאל נישט עובר זיין דערויף, נאר ער זאל שטענדיג נאכקוקן אויב יעצט איז א פאסיגע צייט זיך אזוי צו פירן, און אויב געפינט ער זיך אין א מצב וואס דער שאדן דערפון איז מער ווי דער פארדינסט, זאל ער זיך באצוואונגען און זיך אפהאלטן דעמאלטס פון זיין שטענדיגע הנהגה.

באוואוסט איז די עובדא, אז דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האט אמאל געגעבן פיר און צוואנציג הנהגות פאר איינער פון זיינע תלמידים, און ביי די זייט פון יעדע הנהגה האט ער צוגעשריבן "ופעמים ההיפך", דאס מיינט אז צומאל זאל ער טון פארקערט, ווייל טראצדעם וואס די הנהגה פאר זיך אליין איז א גוטע פירונג, פונדעסטוועגן זאל דער מענטש נאכקוקן יעדע מאל און זען צו די צייט איז פאסיג דערצו, און אויב זעט ער אז ער דארף פארציכטן דערויף, זאל ער מאכן אן אויסנאם און ער זאל זיך דעמאלטס נישט פירן אזוי ער פירט זיך אלעמאל.

אט דער ענין ווערט מרומז אין די פרשה פון די וואך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה' אֱלֹקֵיכֶם", 'כן' איז א לשון פון 'ככה', און דאס איז מרמז, אז א מענטש זאל נישט זאגן 'ככה', אזוי וויל איך זיך פירן שטענדיג פארן כבוד פון השי"ת, און איך וויל קיינמאל נישט אויפהערן און אפשטעלן מיין מנהג – זאל דער מענטש נישט זאגן אזוי, נאר ער זאל שטענדיג נאכקוקן און זיכערמאכן וואס ער טוישט אויף מיט וואס, כדי עס זאל נישט זיין אין די בחינה פון א חומרא וואס ברענגט צו א קולא.

(עפ"י טיב התורה – ראה)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

מ׳טרעפט דער געדאנק אין עטליכע ערטער, אבער אויך ווען עס רעדט זיך פון לערנען משניות לעילוי נשמת א נפטר באגעגענט מען דעם רעיון אז מ׳זאל לערנען הלכה לעילוי נשמת די נשמות.

אין ספר ׳נהורא דאורייתא׳ וועלכער איז נתחבר געווארן דורך א תלמיד פון דער הייליגער בעל התניא שרייבט ער אז היינטיגע צייטן זאל מען לערנען הלכות פסוקות לעילוי נשמתם פון די נפטרים.

ער ברענגט נישט אראפ דארט פארוואס מ׳זאל זיך פירן אזוי, ווייל דאס איז אן עילוי נשמה פאר די נפטרים, אדער צוליב אן אנדערע סיבה, אבער עס קען זיין אז ער זעט אין ביידע די זעלבע ווייל עס איז איינס אין די חלק, אז ביידע זענען הלכות פסוקות.

די חשיבות פון לערנען ׳תלמוד המביא לידי מעשה׳ איז גאר גרויס, עס שטייט די העכסטע אין די לייטער פון תורה, ווי חז״ל זאגן אין מדרש שיר השירים [ב, ה] נמנו וגמרו גדול הוא התלמוד המביא לידי מעשה.

עס איז זייער גרויס און זייער חשוב, אבער ליידער איז היינטיגע צייטן דא א שטארקע התרשלות אין די נושא. עס איז היינט אכשור דרא אין די חלק פון תורה, עס איז נתרבה געווארן ספסלי דבי מדרשא, עס איז היינט א וועלט פון תורה, אבער די רוב פון תורה איז אויף פילפול ולימוד, און נישט אויף הלכה.

איך האב געהערט אמאל א ריכטיגע הגדרה פון דער צדיק רבי זונדל קרויזער זצ״ל אויף די נושא. ער האט זיך געשטעלט אויף די גמרא אין ברכות דף ח׳ עמוד א׳, אמר רבי חייא בר אמי משמיה דעולא: מיום שחרב בית המקדש אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד.

די גמרא זאגט אז פון חורבן הבית האט הקב״ה אויף די וועלט נאר ד׳ אמות של הלכה.

האט ר׳ זונדל אויסגעשמועסט אז די גמרא איז אביסל שווער צו פארשטיין. מען קען פארשטיין אז הקב״ה האט אויף די וועלט נאר הלכה, אבער וואס ליגט אין דער געדאנק פון ד׳ אמות - פארוואס האט ער נאר ד׳ אמות? וואס וויל די גמרא ארויסגעבן מיט דעם?

האט ער געזאגט א שארפער געדאנק, אז ווען מ׳וועט ארויסגיין אין גאס און זיך אומקוקן אין איר וועט מען זען אז דאס איז דער מציאות ליידער. עס איז דא אסאך אידן לומדי תורה און די לומדי תורה שפרייטן זיך אויס אויף אסאך מער ווי ד׳ אמות, אבער ווען עס רעדט זיך פון לומדי הלכה איז דער מצב ביטער. עס גייט עד כדי כך אז עס איז ממש דא נאר ד׳ אמות ווייל זיי זענען אזוי ווייניג.

דאס איז א מציאות וואס מ׳זעט ליידער. עס איז דא אידן וואס פילעווען אין תורה. פון צופרי ביז ביינאכט זיצן זיי און לערנען תורה בהתמדה רבה, זיי זענען מתמידים, אבער זיי קענען נישט קיין הלכה.

מ׳זעט אסאך מאל אידן וואס זיי דאווענען מיט א געוואלדיגע ערליכקייט, מ׳זעט אויף זיי אז זיי זענען דבוק אין די תפילה און האבן חיות פון איר, אבער זיי זענען עובר ביי איר אויף דברי הלכה איינע נאך די אנדערע.

די געדאנק דארף זיין שטארק, עס איז גוט אז מ׳לערנט, עס איז חשוב, אבער עס דארף זיין דער ׳שמור ושמעת׳, אז מ׳זאל לערנען הלכה און קענען די הלכה און דאס וועט צוברענגען דער ׳ושמעת׳ אז מ׳זאל מצליח זיין אין תורה.

די תוה״ק פירט אויס, אז אויב די בחינה וועט זיין וועט מען זוכה זיין צו דאס וואס עס שטייט ווייטער אז עס וועט זיין ׳למען ייטב לך׳ אז מ׳וועט האבן ברכה אין אלע ענינים ווייל די שליסל צו אלעס אויף די וועלט איז הלכה, זיך פירן ווי א איד.

די נושא האב איך געזען ביי מיין טאטע זצ״ל זייער שטארק.

ער פלעגט אייביג מעורר זיין אויף די שונה הלכות, אז אין המקרא יוצא מידי פשוטו, די גמרא זאגט אז כל השונה הלכות בכל יום איז זוכה צו זיין א בן עולם הבא.

עס איז דא וואס נוצן עס אויף אנדערע זאכן, אבער די פשטות הדברים פון די שונה הלכות איז אז מ׳זאל לערנען הלכה כפשוטו, ווייל אז מ׳לערנט הלכה, איז מען זוכה צו זיין א איד און מ׳שטייגט אויס צו זיין א בן עולם הבא.

זאל הקב״ה געבן אז מ׳זאל זוכה זיין צו דער ׳שמור׳ און אויך צו די ׳ושמעת׳ און אויך צו דער ׳למען ייטב לך׳.

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזך לײנעדס

## די כח פון א תפילה מיט הארץ

מערערע מעשיות ווערן דא דערציילט איבער די כח וואס א איד האט מיט זיין תפילה פשוטה, און ווי אזוי מ׳קען פועל׳ן גרויסע זאכן דורך א פשוט׳ע תפילה מעומק הלב.

איך וויל דא מיטטיילן א קליינע מעשה, ווי אזוי איך האב געזען בחוש די גרויסע כח וואס תפילה האט.

מעשה שהיה אז איך נוץ זיך טעגליך מיט א לעפטאַפּ [שויס־קאמפיוטער] פאר מיין ארבעט. אין די קליינע לעפטאפ ליגט אריינגעלייגט מיין גאנצע לעבן. איך האלט אין איר געשריבענע זאכן און אויך אסאך וויטיגע אינפארמאציע וואס כ׳דארף האבן. איין טאג קום איך אן צופרי צו די ארבעט און די לעפטאפ ארבעט נישט.

זעענדיג אז עס גייט נישט, בין איך אריבערגעלאפן צו א לאקאלער טעכניקער און אים געבעטן צי ער קען עס פאררעכטן. ער קוקט עס איבער און זאגט מיר אז ער קען עס פאררעכטן אבער די אינפארמאציע וואס כ׳האב געהאט אין איר קען ער נישט צוריקברענגען. איך בין געווען זייער פארצווייפלט, איך האב נישט געוואוסט וואס טוה איך.

ביני לביני איז אנגעקומען די זמן פון מנחה, שטייענדיג ביי שמונה עשרה, האב איך אנגעהויבן דאווענען און זיך איינבעטן ביים בורא כל העולמים, ער זאל זיך דערבארעמען אויף מיר און מיר ארויסהעלפן אין די נקודה.

די תפילה האט מיר געשטארקט און געגעבן כח, איך בין געווען זיכער אז הקב״ה האט געהערט מיין תפילה. מיט א פרישקייט, ווי גארנישט האט פריער פאסירט, האב איך אנגעצינדן די לעפטאפ און וואונדער עס האט געארבעט כאילו לא היה.

איך האב געזען בחוש די כח התפילה, ווי אזוי א איד קען געהאלפן ווערן און זען וואונדער ביי זיך אליין דורך די כח התפילה.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.נ.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# חודש אלול 'מעשר' פונעם יאָר

**"עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר אֵת כָּל תְּבוּאַת זַרְעֶךָ, הַיֹּצֵא הַשָּׂדֶה שָׁנָה שָׁנָה"** יד, כב

על דרך הרמז ווערט ערקלערט אינעם ספר הקדוש **דברי בינה** (אין די וואכעדיגע פרשה, סוף אות ג'), וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "מַה שֶּׁקּוֹרִין זֶה הַפָּרָשָׁה (פרשת ראה) תָּמִיד בְּחֹדֶשׁ **אֱלוּ"ל**, וּכְתִיב בָּהּ 'פָּרָשַׁת מַעַשְׂרוֹת', עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר כו' שָׁנָה שָׁנָה'. שֶׁהוּא רוֹמֵז עַל הַחֹדֶשׁ הַזֶּה, כִּי י"ב חֳדָשִׁים יֵשׁ בְּשָׁנָה, וְחֹדֶשׁ נִיסָן וְתִשְׁרֵי הֵם כֻּלָּם קֹדֶשׁ לַה', וְנִשְׁאָר רַק עֲשָׂרָה חֳדָשִׁים בַּשָּׁנָה".

"וּכְמוֹ שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לַעְשֵׂר אֶת תְּבוּאָתוֹ אַחַת מֵעֲשָׂרָה, כְּמוֹ כֵּן צְרִיכִים לַעְשֵׂר אֶת חָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, שֶׁיְּהֵא אֶחָד מֵחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה קָדוֹשׁ בִּקְדֻשַּׁת מַעֲשֵׂר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ויקרא כז, לב) הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה קֹּדֶשׁ לַה'".

**"וְזֶה הוּא חוֹדֶשׁ אֱלוּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּעֲשֵׂר מִכָּל הַחֳדָשִׁים, וְאָז מִתְגַּלֶּה הָרָצוֹן הָעֶלְיוֹן שֶׁהָיָה בְּרֵאשִׁית הַבְּרִיאָה".**

וְזֶה 'עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר אֵת תְּבוּאַת זַרְעֶךָ הַיֹּצֵא הַשָּׂדֶה שָׁנָה שָׁנָה', הַיְינוּ שֶׁגַּם בִּבְחִינַת 'שָׁנָה' צָרִיךְ אַתָּה לִנְהֹג בּוֹ קְדוּשַּׁת מַעֲשֵׂר בְּאֶחָד מִן הַחֳדָשִׁים".

**"וְעַל יְדֵי שֶׁמְּקַדְּשִׁין יִשְׂרָאֵל הַחֹדֶשׁ הַזֶּה בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה אֲמִתִּית, עַל יְדֵי זֶה יְחַדֵּשׁ עָלֵינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה, וְכָל עִנְיָנֵי הַטּוֹב מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם"**, עַד כָּאן לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ.

***

די פאלגנדע זיסע מעשה, האב איך געהערט פונעם **פֶּה מַפִּיק מַרְגָּלִיּוֹת, דער באוואוסטער ירושלים'ער מגיד, הגאון הצדיק רבי שלום שוואַדראָן זצ"ל.**

די **באוואוסטע וואלאזשינער ישיבה** האט זוכה געווען, אז פילע פון די גדולי הדור זענען אויסגעוואקסן צווישן אירע הייליגע ווענט, און די בחורים אין די ישיבה זענען געווען מִסָּלְתָּהּ וּמִשַּׁמְנָהּ, גאר געהויבענע און חשוב'ע תלמידים.

זייער אסאך פון די תלמידי הישיבה זענען געווען גאר גוט באהאוונט אין ש"ס, און עס איז געווען אנגענומען צווישן די בחורים, אז מען האט געמאכט א גרויסארטיגע פייערונג פארן **'סיום הש"ס'**, לכבוד יעדן בחור וואס האט מסיים געווען דעם הייליגן ש"ס.

פון צייט צו צייט פלעגן די בחורים מאכן צווישן זיך א 'פלוצים'דיגע פארהער' פונעם גאנצן ש"ס, כדי צו האלטן פריש זייער זכרון און דאס גענצליכע שליטה איבערן גאנצן ש"ס, גמרא מיט תוספות, ווען מען פלעגט 'איבערראשן' א בחור מיט א פראגע, פלוצלונג אן קיין צוגרייטונג, און דערצו האט מען געדארפט האבן א געוואלדיגע בקיאות אינעם גאנצן ש"ס.

אזוי פלעגט מען צום ביישפיל פרעגן א בחור די פאלגנדע פראגע: רעכן אויס די ערטער אין ש"ס און אין תוספות וואו עס ווערט גערעדט וועגן 'נעיצת קונדסין'... אדער: רעכן אויס אלע ערטער אין ש"ס, וואו תוספות רעדן וועגן א קנין פון א קטן... אדער פלעגט מען אים פרעגן: וואו טרעפט מען אין ש"ס, זאכן וואס ווערן נקנה באמירה, און זיי דארפן נישט האבן א פיזישער קנין? [זע רש"ש בכורות יח: וואו עס ווערט אויסגערעכנט מער ווי צען אזעלכע ערטער אין ש"ס], א.א.וו.

ביי א געווענליכע מיטאג מאלצייט, איז איינער פון די בחורים איבערראשט געווארן צו הערן א שווערע פראגע פון 'מציאה', איבער וועלכע ער האט געדארפט ענטפערן גלייך אויפן ארט, וואו געפינען מיר אין אן איינציגע תוספות אין ש"ס, עפעס א זעלטענער דין.

נאך לאנגע מינוטן וואס דער בחור האט אנגעשטרענגט זיינע געדאנקען, און פראבירט ארויסשלעפן דעם פארלאנגן שטיקל תוספות פון זיין זכרון, האט ער נאך אלץ נישט געהאט דעם ענטפער. ער האט אריבערגעפירט אין זיין געדאנק טויזנטער בלעטער פונעם ש"ס, אנגעפילט מיט פילע תוספות'ער, אבער אויך נאכן אריבערפירן די פילע זכרונות אין זיין געדאנק, האט ער נישט געפינען דעם ענטפער פארן פראגע וואס מען האט געשטעלט פאר אים!

ווען דער בחור האט דאס געזען, און זייענדיג נאך אלץ אינמיטן זיין מאלצייט, האט זיך דער בחור שטארק צופלאמט, און מיט א רויטן געזיכט האט ער זיך אנגערופן מיט א פיירדיגע שטימע: **אויב אזוי, הייסט עס נאכנישט קיין געהעריגע בקיאות אין ש"ס!** גלייך איז ער אויפגעשטאנען א צושטורעמטער פון זיין פלאץ, לאזנדיג זיין טעלער אזוי אינמיטן עסן... און ער איז גלייך געלאפן מיט א הייליגן ברען צום בית המדרש. – ער האט אפילו פארגעסן צו בענטשן **ברכת המזון** פון גרויס ציטערניש... און ער האט זיך גלייך געזעצט אויף זיין ארט און זיך גענומען לערנען ש"ס פון אנהייב: 'מאימתי קורין את שמע'... מיט א געוואלדיגע התמדה און שקידה, און אזוי האט ער נאכאמאל איבערגע'חזר'ט דעם גאנצן ש"ס מיט אלע תוספות'ן, א בלאט נאך א בלאט, ביז ער האט געענדיגט גאנץ ש"ס!

נאך עטליכע חדשים פון לערנען פלייסיג און אן קיין הפסק, האט דער בחור ווידעראמאל זוכה געווען צו פראווען א 'סיום הש"ס', און ער האט געבעטן אז מען זאל אים נאכאמאל מאכן א 'פארהער' אויפן גאנצן ש"ס.

ווי גרויס איז געווען זיין שמחה און זיין שטארקע באפרידיגונג, ווען די ענטפערס האבן געפלאסן פון זיין מויל מיט א געוואלדיגע קלארקייט, און אויף יעדע פראגע וואס מען האט אים געפרעגט פון איבער גאנץ ש"ס האט ער גלייך געגעבן א קלארע ענטפער, באצייכנענדיג א פונטקליכן בלאט און עמוד וואו די ענטפער שטייט.

***

ווען דער ראש הישיבה, **הגאון רבי חיים וואלאזשינער זצ"ל**, האט דאס געהערט, האט ער געגעבן צו פארשטיין, אז כאטש מצד ההלכה איז דאך געווען אסור פאר דעם בחור אויפצושטיין אינמיטן די סעודה, און פארלאזן דאס פלאץ פון די סעודה פארן בענטשן ברכת המזון, און עס איז ארויסגעקומען א שגגה אז ער האט פארגעסן צו בענטשן. אבער פונדעסטוועגן, אויב וואלט דער בחור ווייטער רואיג געגעסן, און ער וואלט אפגעשטופט זיין התעוררות וואס האט אים געשטופט פון אינעווייניג, ביז נאכן בענטשן ברכת המזון, וואלט שוין זיין התלהבות זיך מסתמא אביסל אפגעקילט... און ער וואלט שוין נישט געלאפן צום לערנען מיט אזא געוואלדיגע התלהבות און חשקת התורה... און מעגליך וואלט ער שוין אינגאנצן אראפגעגאנגען פונעם פלאן פון איבער'חזר'ן גאנץ ש"ס... און ער וואלט זיך שוין געטראפן א 'תירוץ', אז עס איז נישט אזוי געפערליך אויב מען האט פארגעסן א מראה מקום פון בלויז איין תוספות...

**שטייענדיג יעצט אין די הייליגע טעג, זאל אט דער מעשה דינען ווי א 'משל' פאר אונז, וויאזוי מיר זאלן אויסנוצן די געהויבענע זמנים!**

און די געוואלדיגע מוסר וואס קומט ארויס פון אט די מעשה, לערנט אונז די הייליגע משנה אין **פרקי אבות** (פרק ב' משנה ד'): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה". יעדן מאל וואס א איד באקומט א התעוררות אין אט די געהויבענע תשובה טעג, זאל ער עס חלילה נישט אפשטופן צו אן אנדערע צייט, טאמער וועט חלילה די גאנצע התעוררות תשובה אוועקגיין פון אים און זיך אויסבלאזן אזוי ווי לופט פון אונטער זיינע הענט. נאר ער זאל זיך גלייך נעמען אין די הענט, און תשובה טון פון טיפן הארצן, צו טוישן זיינע וועגן למעשה, בפועל ממש, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ב, ז): "אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ", דאס הייסט אז מען זאל גלייך אריינלייגן די התעוררות און די ווארימקייט וואס מען פילט, אין א 'חֵפֶץ' אויף למעשה.

***

דער תכלית פון האבן א סדר פון **לערנען מוסר** אום חודש **אלו"ל** איז, כדי ארייצוברענגען אין הארץ דעם **יראת שמים טהורה**. און דורכדעם וועט דער מענטש קענען שאצן, וויפיל און ווי שטארק ער דארף לערנען מוסר אין אט די הייליגע טעג, אזוי ווי ער וועט פילן אז עס איז צוגעקומען אין אים א פארמערטע מאָס פון שטארקע יראת שמים!

ווען דער הייליגער **חפץ חיים זצוק"ל** האט אמאל גערעדט וועגן די שטארקע יראת שמים וואס האט זיך געפינען אפילו ביי פשוט'ע אידן וואס האבן געהאט שטארקע און ריינע אמונה, האט ער דערציילט פון דאס וואס ער האט געזען אין זיינע יונגע יארן, זייענדיג נאך א פרישער יונגערמאן.

אין די שטאט פון דער הייליגער חפץ חיים, האט געוואוינט א פשוט'ער איד, וועלכער האט זיך געפירט מיט גרויס תמימות און ערליכקייט, וואס זיין זון איז גע'הרג'עט געווארן רחמנא ליצלן, און מען האט נשט געוואוסט וויאזוי צו מעלדן די שרעקליכע בְּשׂוֹרַת אִיּוֹב פאר דער חשוב'ער טאטע.




האט איינער פון די חכמי העיר געבעטן, אז מען זאל אים לאזן מעלדן פארן טאטן די בשורה, און מען האט אים טאקע געשיקט צום הויז פונעם טאטן.

איז דער חכם געגאנגען צום טאטן, און זיך גענומען שמועסן מיט אים בידידות. אזוי שמועסנדיג האט ער פארדרייט דעם שמועס וועגן זיין באליבטן זון, און ער האט געזאגט פארן טאטן, אז בידוע האט זיך דער נגע פון 'השכלה' לעצטנס זייער צושפרייט און אסאך יונגטליכע האבן זיך פארכאפט דערין, ביז זיי האבן צום סוף אינגאנצן אפגעלאדנט פון זיך דעם עול מלכות שמים, און זענען ליידער אוועקגעאנגען פונעם אידישן וועג, איינער מער און איינער ווייניגער, לְמֶחֱצָה לִשְׁלִישׁ וְלִרְבִיעַ...

אויך דיין זון! האט דער חכם ווייטער געזאגט! דארפסטו שטארק אכטונג געבן אויף זיין ערציאונג! ווייל אויב וועט מען אים נישט היטן בְּשֶׁבַע עֵינַיִם, קען ער אויך פארכאפט ווערן אין די השכלה, און אוועקגיין פונעם דרך התורה והמצוה, רחמנא ליצלן!

אוֹי וַאֲבוֹי! האט זיך דער טאטע צושריגן פון די טיפענישן פון זיין הארץ. אויב וועט מען זיין חלילה נישט היטן שבת, איז שוין בעסער אז ער זאל שוין יעצט שטארבן, און חלילה נישט זיין קיין מחלל שבת, ה׳ ישמרנו!

האט דער חכם געזאגט: וויסן זאלסטו אז דיין זון איז טאקע גע׳הרג׳עט געווארן און איז געשטארבן!

דער טאטע, וועלכע איז נאך אלץ געווען אונטער זיינע שטורעמישע געפילן, וועגן די יראת שמים פון זיין זון, האט גלייך געפרעגט דעם חכם:

אבער ביז מיין זון איז גע׳הרג׳עט געווארן און געשטארבן, האט ער געהיט די שבת ווי עס דארף צו זיין?

יא! האט דער חכם געענטפערט. ער איז, ברוך השם, געבליבן שטארק, און איז נישט פארכאפט געווארן צו די השכלה, ער איז געבליבן נֶאֱמָן לַה׳ וּלְתוֹרָתוֹ ביז צו די לעצטע מינוט!

ווען דער טאטע האט דאס געהערט, האט ער זיך בארואיגט, און איז צוגעגאנגען צו די לויה און צו די שבעה מיט א געשטארקטן געמיט, וויבאלד ער האט געהערט אז זיין זון האט זיך געהאלטן געטריי צו אונזער הייליגע תורה, האט עס אים געגעבן כח און שטארקייט אויסצוהאלטן די שווערע צרה וואס האט אים באטראפן.

אזעלכע אידן האבן געלעבט זייער גאנצן לעבן מיט א קלארן געפיל, אז זיי זענען דא בלויז אינעם דורכגאנג, און זיי האבן א גאנצע צייט געדענקט אז זיי זענען אנגעגרייט אנצוקומען צום טְרַקְלִין...

עס ווערט דערציילט איבער א איד וואס ווען ער איז אנגעקומען צום בית דין של מעלה נאך די הונדערט און צוואנציג, האט מען אים גע׳פסק׳נט אז ער דארף גיין אין גיהנם צוליב די פילע עבירות וואס מען האט אים געטראפן ביי אים. האט דער איד גע׳טענה׳ט אז כאטש עס איז ריכטיג אז ער האט זיך אנגעזאמלט אסאך עבירות, ווייסן מיר דאך אבער אז עס איז דא א קיימא לן אז **אֵין עוֹנְשִׁין אֶלָּא אִם כֵּן מַזְהִירִין!** אויב אזוי, וויאזוי קענט איר מיר גלייך שיקן צום עונש, צום שטראף, אן קיין שום ווארענונג פון פאראויס... איר וואלט מיר געדארפט ווארענען ווען איך בין נאך געווען אונטן ביים לעבן, אז איך זאל וויסן פון וואס עס רעדט זיך ווען מען טוט עבירות חלילה!

האט דער בית דין אים געענטפערט: איר האט א הארבע טעות! מיר האבן דיר געשיקט ווארענונגען אן קיין סוף! יעדע שלעכטע שמועה וואס דו האסט געהערט ביי דיין לעבן, ווי פלוני ליידט א צרה, אדער אז אלמוני איז געשטארבן, אויך ווען דו האסט געהערט אז עפעס א צרה אדער טראגעדיע איז געשען אויף דער וועלט, איז אנגעקומען צו דיינע אויערן דורך אונז, און דו וואלטסט געדארפט ארויסנעמען א מוסר אינדערצייט וואס דו האסט עס געהערט, וויבאלד דאס איז געווען א ספעציעלע ווארענונג פאר דיר!

דא האט מען געעפנט פאר אים זיינע ביכער, און מען האט אים געוויזן פילצאליגע פעלער וואו ער האט געהערט אדער געזען 'שווארצע זאכן' ביי זיין לעבן, וואס בשעת־מעשה האט עס אים פארשאפט א שרעק און ציטערניש אויף די מינוט, און גלייך נאכדעם איז ער אנגעגאנגען ווייטער מיט זיינע מעשים...

אט דאס זענען דיינע פילע ווארענונגען, וואס זענען ספעציעל געשיקט געווארן צו דיר! און דו האסט דיך פארהוילן פון די אלע ווארענונגען!

אין די ספרים הקדושים ווערט ערקלערט, אז פון הימל 'ווינקט' מען פאר יעדן איד צענדליגער און הונדערטער מאל טאג־טעגליך אז ער זאל תשובה טון! ווייל יעדע געשעעניש וואס ווערט געטון מיטן מענטש אויף דער וועלט, קומט מיטן ציל אים צו מעורר זיין און ערוועקן זיין אויפמערקזאמקייט, אז ער זאל וויסן און פארשטיין וויאזוי ער זאל זיך יעצט פירן.

דערצו איז שוין אנגעגעבן געווארן דער משל, אז דאס ווערט פארגליכן צום באוואוסטן "דזשי. פי. עס." מאשין, וואס ווערט אריינגעלייגט אינעם אויטא נעבן דער פלאץ פונעם דרייווער, און וואו אימער דער דרייווער דארף זיך יעצט ווענדן, 'רעדט' צו אים דער מאשין און ווייזט אים אן וואו ער זאל גיין, ווי צום ביישפיל: אין נאך פופציג מעטער, דריי זיך איין רעכטס... וכדומה.

פונקט אזוי ממש, האט יעדער מענטש א "דזשי פי עס" נעבן זיין הארץ, וואס ווייזט אים אן ביי יעדע פעולה וואס ער טוט, און זאגט אים וויאזוי ער זאל זיך פירן עַל פִּי דַּרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, וְכִרְצוֹן שָׁמַיִם, **לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אָמֵן.**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173